## וארא ב

א. אויף „ויאמר ה' אל משה בא אל פרעה ואמרת אליו גו' ואם מאן אתה לשלח הנה אנכי נוגף את כל גבולך בצפרדעים"[1], שטייט אין מדרש[2] „הה"ד[3] ויתרון ארץ בכל היא"[4], און דער מדרש ברענגט דעת ר' אחא ב"ר חנינא „אפילו דברים שאתה רואה אותן כאילו הן מיותרין בעולם כגון נחשים ועקרבים הן היו בכלל בריותו של עולם, אמר להן הקב"ה לנביאים מה אתם סבורים אם אין אתם הולכים בשליחותי וכי אין לי שליח ויתרון ארץ בכל היא, אני עושה שליחותי אפילו ע"י נחש אפילו ע"י עקרב ואפילו ע"י צפרדע, תדע לך שכן, שאלולי הצרעה היאך הי' הקב"ה פורע מן האמוריים ואילולי הצפרדע היאך הי' פורע מן המצרים הה"ד הנה אנכי נוגף וגו'".

דארף מען פארשטיין: ווי אזוי זאגט מען „אלולי הצפרדע היאך הי' פורע מן המצרים"? צפרדע איז דאך געווען בלויז איינע פון די צען מכות?

בשלמא די צרעה, איז זי דאך געווען די ערשטע פעולה צו פארטרייבן די אמוריים (כנענים), און אן ענין וואס האט פון זיי פורע געווען בתוקף גדול, כמאמר רז"ל[5] „הצרעה לא עברה את הירדן", נאר „היתה מכה אותם בעיניהם ומטילה בהם ארס והם מתים"[6].

מכת צפרדע איז אבער ניט געווען די ערשטע מכה וואס איז געקומען אויף מצרים: די ערשטע מכה איז געווען דם, און זי איז געווען א שווערערע און ערגערע מכה פאר די מצריים[7], ווארום אין דעם יאור ומימיו איז געווען תלוי ניט נאר די שתיית המים כפשוטה, נאר אויך די פרנסה וחיונה פון גאנץ ארץ מצרים. נוסף לזה זיינען דאך געווען נאך אנדערע אכט מכות וואס מיט זיי האט דער אויבערשטער פורע געווען פון די מצריים: ביז צו דער לעצטער מכה וואס זי האט געבראכט יצי"מ — מכת בכורות, און שפעטער די שלימות הפרעון איז געווען ביי קריעת ים סוף ווען „לא נשאר בהם עד אחד"[8].

היינט ווי זאגט מען „אלולי הצפרדע היאך הי' פורע מן המצרים"?

אויך איז ניט מובן בעצם הענין: ווי איז בכלל שייך צו זאגן כלפי דעם אויבערשטן „אלולי הצפרדע היאך הי' פורע מן המצרים" — ס'איז דאך „הרבה שלוחים למקום"[9], און „היפלא מה' דבר"[10] צו דורכפירן זיין רצון?

ב. פאר דעם מאמר הנ"ל ברענגט זיך דארט אין מדרש „רבותינו אמרין מהו ויתרון ארץ בכל היא אפילו דברים שאתה רואה אותן כאילו הן מיותרין בעולם כגון זבובים ופרעושים ויתושין הן היו בכלל בריותו של עולם כו'".

ווי מען לערנט בפשטות דעם חילוק צווישן רבותינו אמרין מיט דעת ר' אחא,

1) פרשתנו ז, כו-כז.
2) שמו"ר רפ"י.
3) קהלת ה, ח.
4) וממשיך במדרש: „וכל המדרש כמו שכתוב בויקרא רבה ובזאת חקת התורה" — ראה הנסמן שם ובמפרשים.
5) ראה סוטה לו, א.
6) לשון רש"י משפטים כג, כח. וראה סוטה שם. רד"ק יהושע כד, יב.
7) ראה לקמן הערה 18, 50.
8) בשלח יד, כח.
9) ראה אגה"ק סכ"ה.
10) וירא יח, יד.



און די צווי פרטים אין דברי ר' אחא[11] גופא „אפילו דברים כו' מיותרין כו' אני עושה שליחותי כו'"[12]:

„בכלל בריותו של עולם" מיינט צו זאגן אז ניט בלויז זיינען זיי באשאפן געווארן פון דעם אויבערשטן[13] און ניט געווארן פון זיך אליין[14], נאר אז ס'איז דא בבריאתם א תועלת פאר דעם אדם. און אין דעם זאגן רבותינו אז אויך אזעלכע זאכן ווי זבובים פרעושים ויתושין, וואס זעען אויס צו זיין מיותרין, זיינען זיי באמת צוליב א תועלת און זיינען אין כלל פון „כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא ברא דבר אחד לבטלה"[15], און ווי די גמרא ברענגט עניני תרופה וואס מ'האט פון א זבוב ויתוש וכו'.

און אויף דעם איז ר' אחא מוסיף, אז אויך דברים וואס זיינען מיותרין אין דעם זין[16], אז זיי זיינען מזיקין, איז אויך אין זיי פאראן א תועלת פאר דעם אדם דערמיט, וואס כמה פעמים ווערט דער מענטש אויסגעהיט על ידם פון אנדערע גרעסערע מזיקים[17].

דערנאך איז ער מוסיף נאך א גרעסערע תועלת אין דער בריאה פון די דברים המזיקים, אז דער אויבערשטער פירט דורך זיין שליחות על ידם (אויף צו מעניש זיין רשעים).

לפי זה דארף מען אבער פארשטיין:

א) וויבאלד אז דער (עיקר) חידוש פון ר"א איז אז אויך מזיקין זיינען „בכלל בריותו של עולם" און אויך דורך זיי פירט אויס דער אויבערשטער זיין שליחות, איז פארוואס איז ער (א) מוסיף אויך צפרדע, וואס איז בכלל ניט קיין מזיק[18] (און געווים ניט ווי נחשים ועקרבים), און נאכמער (ב) דאס קומט ווי א חידוש אויף נחשים ועקרבים[19] — „ואפילו ע"י צפרדע"[20], און (ג) די ראי' „תדע לך" ברענגט ער דוקא בנוגע און פון (צרעה[21]) צפרדע, און ברענגט ניט קיין ראי' בנוגע און פון נחש ועקרב (ווי

11) כ"ה בשמו"ר לפנינו. אבל בב"ר (פי', ז) ממשיך בדעת רבנן „ובכל הקב"ה עושה שליחותו אפילו ע"י נחש אפילו ע"י יתוש אפילו ע"י צפרדע" ותו לא. ובויק"ר (פכ"ב, ג) מאמר ר"א מתחיל „בכל הקב"ה עושה שליחותו אפילו ע"י נחש אפילו ע"י צפרדע ואפילו ע"י עקרב ואפילו ע"י יתוש" ותו לא (ולפנ"ז איתא שם „אמר הקב"ה לנביאים"). ועד"ז הוא בקה"ר פ"ה, ח (ד). בבמדב"ר (פי"ח, כב), ועד"ז בתנחומא ר"פ חקת — ליתא ב' דיעות ושם בעל המאמר, וז"ל שם: „ללמדך שבכל מקום (דבר) הקב"ה עושה שליחותו ולא ברא דבר אחד לבטלה פעמים שעושה שליחותו ע"י צפרדע (ופעמים ע"י יתוש) ופעמים ע"י צרעה ופעמים ע"י עקרב". וראה ב"ר הוצאת תיאודור שם. לקמן הערה 19. ואכ"מ.
12) ראה יפ"ת (השלם) לב"ר שם. יפ"ת לויק"ר וקה"ר שם. רד"ל לשמו"ר שם. וראה פי' מהרז"ו שם. ועוד.
13) אולי י"ל הפי' ששולל ג"כ הבריאה, השורץ מן הפרי כמו תולעים של בשר וכתולעים שבתוך הקטנית (ראה שו"ע אדה"ז הל' שבת סי' שטו ס"ב. שו"ע יו"ד ספ"ד סי"ד ואילך).
14) ראה פי' תולדות נח לשמו"ר שם.
15) שבת עז, ב.
16) אבל ראה פי' תולדות נח שם. רד"ל שם.
17) ראה שבת שם: חמשה אימות הן כו'.
18) כפי' הב' בראב"ע פרשתנו (ז, כז) בפי' צפרדע (וכותב ע"ז „והוא הנכון בעיני").
19) וכן בא לבסוף בב"ר וקה"ר שם. בבמדב"ר ותנחומא שם באה צפרדע בתחלה. אבל נוסף ע"ז דשם נזכר רק זה ולא הובא בכלל ענין הא' (הן בדברי ר"א וכן רבנן שאף הן בכלל בריותו של עולם), הרי שם הוא הקדמה להעובדות שמביא, שסיפור הא' הוא מעשה בעקרב א' כו' שזימן לו הקב"ה צפרדע כו'.
20) ביפ"ת (השלם) שם וכן בב"ר וויק"ר שם „ואפילו ע"י צפרדע שאין דרכ' לישוך ולהזיק". אבל באם קס"ד שהחידוש בדעת ר"א הוא שגם מזיקין נעשים שלוחים — הו"ל למנותם בסדר הפוך.
21) בפרש"י משפטים שם: מין שרץ העוף. וברבינו בחיי שם: כגון יתושים וצרעים וזבובים ודבורים.

עס ברענגט זיך אנדערש אין מדרשים וואו עס ווערט געבראכט דער מאמר פון רז"ל[22].

ב) וואס איז דער צד השוה פון שליחות הנביאים מיט דער שליחות שע"י נחש כו' וצפרדע? דער שליחות דורך די מזיקים הנ"ל איז דאך להפרע מן הרשעים; משא"כ די שליחות הנביאים איז דאך (ניט להענשי' כו', נאר) צו איבערגעבן — גילה דבריו[23] — די ענדויי הנביאים[24] איז וואס איז דער מיין פון "אמר להן הקב"ה לנביאים כו' אם אין אתם הולכים בשליחותי כו' אני עושה שלוחי אפילו ע"י נחש כו' ואפילו ע"י צפרדע"?

ג. וועל דעם ביאור בזה:

דער ענין המכות איז פרעה ומצרים איז ניט געווען סתם איזי צו מעניש זיין זיי, נאר בלשון הפסוק[25] "וידעו מצרים כי אני הוי'" — עס זאל נתגלה ווערן אלקות, בחי' הוי', אין מצרים; און דאס איז געקומען דורך די מכות, בריבען מצרים[26].

און היות אז די קליפה פון פרעה ומצרים איז אויסגעשטעלט פון אנדערע קליפות, דעריבער איז דער (עיקר ה)פרעון פון די מצרים געקומען דורך צפרדע, כדלקמן.

ד. איז דער כפירה פון אומות העולם אין אלקותו ית' זיינען פאראן בבלולות, דריי מדריגות, זו למטה מזו[27]:

א) די וואס זיינען כופר (בלויז) אין אחדותו ית'[28], אבער "קורו לי' אלהא דאלהייא"[29] — ווייל "יודעים ומשיגים" אז דער איבערשטער איז "חיותם וקיומם", ובמילא זיינען זיי ניט מורד אין דעם איבערשטן, ווי בלעם וואס געזאגט[30] "לא אוכל לעבור את פי הוי'"[31].

ב) די וואס זיינען מודה במציאות ה', אז ער איז "אלהא דאלהייא" — זיי זיינען אבער כופר אין דעם אז דער קיום וההתהוות פון כולם איז אפהענגיק אין איבערשטן, ווי פרעה וואס געזאגט[32] "לי יאורי ואני עשיתיני" — ער האט געטענהט אז ער האט זיך אליין געמאכט.

און די הויכע דער איבערשטער איז "אלהא דאלהייא"[33] איז נאך אז סאיז פאראן א כח וואס איז העכער און שטארקער פון אים; אבער זיין מציאות איז ניט תלוי' אין "אלהא דאלהייא"[34].

ג) די וואס זיינען מכחיש לגמרי ר"ל די מציאות פון אלקות, ע"ד ווי סנחריב וואס "חירף וגידף ביותר", ער האט מכחיש געווען אלקים חיים אז "אינו אלהא דאלהייא"[35].

---

22) וראה יפ"ת לשמו"ר שם.

23) ולכן נקרא נביא (ראה פרש"י פרשתנו ז, א. ועוד). וראה רמב"ם הל' יסודי התורה פ"ז ה"ז. תו"א ח"ב ספ"ה. ועוד.

24) וראה עמוס ג, ז.

25) פרשתנו ז, ה. וראה באריכה אברבנאל פרשתנו בהמשכים ז, יד ואילך.

26) ראה תו"א פרשתנו נו, א. אוה"ת פרשתנו (שמות כרך ז) ע' ב'תתל ואילך. ועוד.

27) ראה חולקת בארוא (קצה) ספר הערכים חב"ד ערך אוה"ע סי"א סק"א (ע' תשע"ג).

28) ראה תניא פס"א מכ"ב (כז, א). פכ"ד (כט, סע"ב ואילך). ג' דרגות דלקמן מובנות גם ממשך הביאור בדרושי השביעית (אוה"ת נ"ך ח"ב) פ"א (שם ע' תרסז ואילך) ופי"ח (ע' תשס ואילך).

29) סוף מנחות.

30) בלק כב, יח.

31) תניא שם.

32) יחזקאל כט, ג. וראה שם ט. ובתניא ספכ"ב שם. ובמאמר "לי יאורי ואני עשיתני" — הובא בהמסוקים. וראה הערות ותיקונים שם.

33) כמפורש בתניא ואה"ת שם. ובמאמר "לי יאורי ואני עשיתני" שם. וראה בריש אלהא דאלהייא (ועד"ז בלקו"ת שה"ש ד, רע"א. אוה"ת נ"ך שם).

ואין לומר שחירה ממ"ש בתניא שם: "אני ואפסי עוד" ובמאמר "לי יאורי ואני עשיתני": שזהו עוד יותר (ועי"ל בדוחק) כמבואר דלקמן בפנים. וא"כ גם פרעה כפר ב"אלהא דאלהייא" — כי "לי יאורי ואני עשיתני" יש לפרש בכמה אופנים: א) "אני ואפסי עוד", בכתוב אנא שם — אבל לא זו היתה כוונה פרעה (שלכן לא כתב בתניא "כמאמר פרעה", אף שכ"כ בהתניא ואוה"ת וארא שם. לקו"ת שה"ש שם. ובכ"מ). ב) "לי יאורי ואני עשיתני" — גם את עצמי, ופשוטו את היאור, אבל לא ש"אני ואפסי עוד". וזו היתה כוונת פרעה בכמאמרי, בכמפים מפרשים (שם. ב. יחזקאל שם. ועל"ד בכמה ולהעיר מפרשי' "אני עשיתני" — בגבורתי ובחכמתי, הגדלתי גדולתי וממשלתי").

אבל להעיר מסו"ם תשד"ם (ע' 91) "שאמר (פרעה) אני ואפסי עוד לי יאורי ואני עשיתני" — (וראה אברבנאל פרשתנו שם דפרעה כחש גם במציאות הא-ל). ויל דאזל פרעה היו שינוים מזמן לזמן, ובמו שהיו חילוקים בהנהגתו עם בנ"י, אבל בכללות ועיקר מדריגתו הוא שאומר לי יאורי ואני עשיתני. ועצ"ע.

*) ואף שבתניא שם ממשיך "ולא כפירה בהי' לגמרי כדאיתא בגמ' דקרו לי' אלהא דאלהייא" — ששם מדובר בין "עיקר ושורש ע"ז" ודקרו לי' אלהא דאלהייא) ל"עיין ממש" (עד למדריי הכי תחתונה) — "אני ואפסי עוד". ולכן: בענין "עיקר ושרש ע"ז" כתב "ובזה מפרידים את עצמם מקדושתו של מקום ב"ה מאחר שאין בטלים לו ית'", אבל לפני"ז מוסיף (ע"ז ש"אינה בטילה כלל לגבי קדושת הקב"ה") "ואדרבה מגביי עצמה כנשר לומר אני ואפסי עוד כו' ולכן אמרו רז"ל שגסות הרוח שקולה כע"ז ממש". ולהעיר מהחילוק שבתניא פכ"ד בין "ס"א וקליפה זו הנק' ע"ז בכו' (ש)היא אינה מלובשת בגוף החומרי ויודעת את רבונה ואינה מורדת בו כו' ואף ש"הא קורן לי' אלהא דאלהייא כו'", ל"האדם העובר על רצונו ית' (ש)הוא גרוע והרבה מאד מהס"א וקליפה הנקראת ע"ז ואלקים אחרים כו'".



ה. פון די דריי אופנים, איז אע"פ אז בחיצוניות ובגלוי איז דער דריטער אופן דער ערגסטער פון אלע, ווייל כיחשו לגמרי באלקות — איז אבער דא אויך א גרעון איז דעם אופן פון "לי יאורי ואני עשיתיני" אפילו לגבי דעם דריטן אופן.

והביאור בזה:

אין דעם ערשטן אופן וואס "קורו לי' אלהא דאלהייא" — זיינען זיי דאך משיג אז דער איבערשטער איז "חיותם וקיומם" און דערפאר זיינען זיי ניט עובר על רצונו ית'; זיינען זיי דאך מודה אז סאיז דא די מציאות האלקות[36].

אפילו אין דעם דריטן אופן — איז מיט דעם גופא וואס זיי זיינען מנגד ומכחיש מציאות ה', ווייזט עס, אז ענין האלקות האט ביי זיי "אנגערירט", וואס דעריבער זוכן זיי צו מנגד זיין אויף אלקות[37], און מכחיש זיין מציאות הא-ל. קומט אויס, אז דורך זייער הכחשה והתנגדות גופא ווייזט מען אז סאיז דא א ענין פון מציאות האלקות[38], וואס דערלאנגט ביז אין זייער ארט, למטה מטה.

משא"כ פרעה וואס האט געזאגט "לי יאורי ואני עשיתיני", ער טענה'ט אז "מציאותו מעצמותו" — דורך אים ווערט בכלל ניט

---

34) ובמשל שהובא בתער השכירה שם (ע' תרפא) מעבד המורד באדונו כו' דמ"מ יודע ומודה שהוא עבד והוא אדונו ומלפני רק שאינו חפץ להיות בביטול אליו, והרי העבד לא נולד מאדון זה כ"א מאיש ואשה אחרים אלא שמאיזה סיבה נעשה אדונו.

35) ד"ה תער השכירה שם. וראה גם דרמ"צ סב, ב.

36) והרי ב"נ אין מוזהרים על השיתוף (ראה רמ"א או"ח ספקי"ו. דרכי משה שם. סהמ"צ להצ"צ מצ' אחדות ה'. וראה סה"מ באתי לגני ע' מו ואילך. ושי"נ).

37) להעיר מספר השיחות תורת שלום (ע' 10. וראה גם קונטרס התפלה (פי"ח) במעלת נוה"ב הנק' "שורי", לפי שהם בעניני קדושה על נוה"ב הנק' "עדי". וראה לקו"ש ח"ט ע' 11 ואילך בענין "מציאות השתי והעדר דאור".

38) ואולי י"ל שזהו מצד הניצוצי' קדושה שבמצאים בהם (ועד"ז בשאר קליפות), כי בבחי' הקליפה מצ"ע נפרדת מאחדותו ית' ואינה בבחי' מציאות כלל שהרי העדר המציאות (המשך תער"ב ח"ב ע' ... ובכ"מ). וראה לקו"ש ח"ט ע' 66 ואילך. חס"ו ע' 413 ואילך. ועוד).

דערמאַנט מציאות ה'. ווארום דאָס וואָס „קרו לי' אלהא דאלהייא" האָט ניט צו טאָן מיט אים (כנ"ל): זיין מציאות איז אַ זאַך פאַר זיך — „אני עשיתני", ער פילט זיך ווי אַ יש ודבר בפ"ע לגמרי, ובמילא, ווערט אין זיין מציאות גופא ניט אויסגעדריקט קיין שייכות (כולל אויך — ניט אַ שייכות בדרך שלילה) צו אלקות.

ו. ע"ד ומעין פון די דריי אופנים האמורים בנוגע אומות העולם בענין מציאות האלקות — געפינט מען אויך אין די נבראים שבעולם הזה:

ס'איז דאָך „כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא ברא דבר אחד לבטלה"[15], און ווי ס'איז פאַרשטאַנדיק אויך אין שכל הפשוט, אַז יעדע פעולה פון דעם אויבערשטן איז צוליב אַ תכלית ומטרה, און דער תכלית זעט זיך אָן אין יעדער זאַך וואָס ער האָט באַשאַפן; ובמכל שכן פון אַן אדם למטה, ביז אַז אַן אומן וואָס מאַכט אַ כלי, איז דער תכלית הכלי ומטרתו ניכר אין דער צורת הכלי[39].

דער תכלית פון כל הבריאה איז — „כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו"[40], עס זאָל מגלה זיין אלקות. און דאָס ווערט דורכדעם וואָס מ'זעט אין די עניני הבריאה די תועלת וואָס יעדערער גיט צו אין דער בריאה — וואָס דאָס איז זייער תכלית ומטרה — דאָס איז מגלה אַז ס'איז דאָ אַן אומן שעשאָן, וואָס כחו ורצונו הערן זיך אָן אין דעם דבר הנפעל.

לפועל אָבער איז די בריאה באופן כזה (כדי עס זאָל זיין בחירה חפשית און עבודת האדם) אַז ניט אין יעדער זאַך איז ניכר מטרת בריאתו בגלוי[39]. בזה זיינען דאָ כמה סוגים אין דער בריאה:

רבותינו אמרין אַז „אפילו דברים שאתה רואה אותן כאילו[41] הם מיותרין בעולם כגון זבובים ופרעושים ויתושין", וואָס לכאורה האָט מען פון זיי קיין תועלת ניט — איז „הן היו בכלל ברייתו של עולם שנאמר[42] וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד"[43] — דאָס איז ניט לבטלה (ווי די גמרא ברענגט די פעולות פון די נבראים: ברא זבוב לצרעה כו'), ובמילא זיינען אויך זיי נכלל אין „כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו" — על ידם ווערט נתגלה דער בורא.

אויף דעם איז ר"א מחדש, אַז אויך די ברואים וואָס ניט נאָר וואָס זיי ברענגען ניט קיין תועלת (לכאורה), נאָר בגלוי זיינען זיי דער היפך פון תועלת — דברים המזיקים — „כגון נחשים ועקרבים" — איז אויך זיי זיינען „בכלל ברייתו של עולם", ובמילא אין דעם כלל פון „כל מה שברא כו' לא בראו אלא לכבודו". ווארום דאָס גופא וואָס אין זיי איז דאָ אַ תוכן וואָס זאָגט עפעס בענין זה, כאָטש אַ תוכן הפכי, ווייזט דאָס אַז זייער מציאות איז ניט אַ מציאות וואָס ווייס ניט פון מציאות המהווה, ווייס נאָר פון זיך אליין, „כאן נמצא כאן הי'", נאָר ס'איז דאָ אַ ידיעה וועגן אַ מהווה ופועל, וואָס קען אין זיי אַריינגעבן אַט־דעם תוכן — ושולל זה.

39) ראה הקדמת הרמב"ם לפיה"מ ד"ה אחר כן ראה להסתפק (דע כי הקדמונים חקרו כו'). ולהעיר ממו"נ ח"ג פכ"ה.

40) אבות ספ"ו.

41) כ"ה בשמו"ר שם. ובויק"ר וקה"ר (ועד"ז בב"ר) ליתא תיבת „כאלו".

42) בראשית א, לא.

43) במדרש לא נעתקו התיבות „והנה טוב מאד". אבל כן מפרש בתולדות נח וביאור הרי"פ הכוונה במדרש. ובויק"ר וקה"ר שם הובא הכתוב „ויכולו".



עפ"ז איז אויך פאַרשטאַנדיק וואָס ר' אחא זאָגט „אמר להם הקב"ה לנביאים מה אתם סבורים אם אין אתם הולכים בשליחותי וכי אין לי שליח, ויתרון ארץ בכל היא, אני עושה שליחותי אפילו ע"י נחש אפילו ע"י עקרב": דערמיט קומט ער מדגיש זיין ווי אויך די נבראים המזיקים זיינען זיי נברא געוואָרן (ניט נאָר ניט לבטלה, נאָר) „לכבודו" — אפילו דורך זיי ווערט נתגלה אלקות בעולם, ע"ד ומעין ווי עס ווערט נתגלה ע"י נביאים. ווארום בשעת מ'זעט אַז דורך אַ נחש אָדער עקרב ווערט מען געראַטעוועט פון סכנה, ובפרט ווען דער נחש ועקרב קומט לענוש את הרשעים — ווערט נתגלה, אַז אויך אַ מציאות מיט אַ תוכן הפכי פון „תועלת", פון ברייתו של הקב"ה וואָס איז „טוב מאד"[44], אויך די מציאות איז באַשאַפן פון דעם אויבערשטן ביז אַז אין איר[45] איז דאָ טוב, ווייל זי איז נפעל געוואָרן דורך מקור הטוב — דאָס איז מגלה דעם כח הפועל.

ז. אויסגעטיילט פון ברואים הנ"ל איז צפרדע, וואָס מצד בריאתה זעט זיך ניט אין איר קיין שום תועלת. ס'איז ניט קענטיק וואָס פאַר אַ תועלת קען דער מענטש האָבן פון איר; זי האָט אויך ניט קיין תכונה פון אַ דבר המזיק.

דאָס איז אַ ברי' וואָס האָט ניט קיין תוכן וואָס זאָל אַרויסברענגען אַז ס'איז דאָ אַן אומן שעשאה, אָדער עכ"פ אַ ידיעה פון אַזאַ אפשריות.

און דאָס איז דער חידוש „ואפילו ע"י צפרדע" און דער פירוש פון „אילולי הצפרדע היאך הי' פורע מן המצרים":

ווי אַזוי איז נתגלה געוואָרן אַז אויך פרעה ומצרים — אַ מציאות וואָס איז ניט בלויז ניט מגלה די מציאות פון אלקות, נאָר זאָגט „לי יאורי ואני עשיתני", מציאותו מעצמותו — זאָלן וויסן „כי אני ה'", און נאָך מער, אַז זייער קענען זאָגן אַז מציאותם מעצמותם קומט דאָס ווייל בשעת מעשה[46] האבן זיי חיות וועלכע קומט (בהשתלשלות רבות) ממקור החיים, מעצמות וואָס „מציאותו הוא מעצמותו ואינו עלול מאיזו עילה שקדמה לו ח"ו"[47] (בדוגמת המבואר בנוגע כללות התהוות היש)[48] —

איז דאָס נתגלה ע"י מכת צפרדע[49], וואָס צווישן בע"ח שבעוה"ז איז דאָס אַ מציאות וואָס אין איר איז ניט ניכר קיין תכלית (אפילו ניט ווי בּאַ יתושים כו') און בכלל ניט קיין תוכן אפילו של היזק[50] (ווי נחש ועקרב) וכנ"ל, „אין לו

44) להעיר מב"ר פ"ט, ט „טוב מאד זה מלאך המות".

45) שזהו יותר מענין יתרון האור מן החושך, שהיתרון הוא בהאור.

46) אגה"ק סכ"ה (קלח, ב).

47) אגה"ק סי' כ.

48) ראה גם המשך תער"ב פע"ב. פרק שלג. ד"ה מצה זו תש"ז. ועוד.

49) משא"כ מכת ארבה שראוים למאכל אדם (שלכן לא נשאר ארבה אחד בכל גבול מצרים שלא יהנו מהם המצרים — ראה תנחומא פרשתנו יד. שמו"ר ספי"ג. רש"י בא י, יט).

וגם כנים, אף שלכאורה הם דבר מיותר לגמרי. אבל ה"ז מזיק (וחולי) [ראה תנחומא (ובאבער) בא ד. מדרש לק"ט פרשתנו ח, טו (ובמדרשים שהובאו בתו"ש שם, יב ואילך). ולהעיר מעירובין סה, א: קרצתן כינה. ובב"מ קז, ב: י"ג דברים נאמרו בפת שחרית כו'. והורגת כנים שבבני מעים]. ולהעיר שמציאות כנים שבשערות היא כשיש שלימות גידול האדם שסימן לזה גדלו שערות (שנמשכים ממותרי מוחין) וצפרניים (יבמות פ, רע"ב). ומהפסולת של השערות באים הכינים (ראה ד"ה רבי בנאה כו' באוה"ת ח"ש קיט, ב ואילך. שם בהוספות לכרך ב' תמב, א ואילך).

50) וגם לפמ"ש במדרש (שמו"ר פ"י, ג. וראה שם ו. פט"ז, כז) ובתדבא"ר פ"ז (ח) ועוד — גודל ההיזק גם בגופם, הרי א) לא מפורש בפשש"מ במכת

עילה וסיבה" צוליב וואס עס זאל זיין מציאותו,

וע"י הצפרדעים וואס זיינען גע־גאנגען אין שליחות פון אויבערשטן [און נאך מיט מער איבערגעגעבנקייט ווי די אנדערע בע"ח אין די אנדערע מכות, ווי דער מדרש[51] ברענגט אראפ „מן הצפר־דעים נשאו חנני' מישאל ועזרי' ק"ו בעצמן וירדו לתוך כבשן האש"], איז געווארן דער „פורע מן המצרים". די מכת צפרדע האט געבראכן אויך די ספעציעלע קליפה פון מצרים, „לי יאורי ואני עשיתני", און עס איז נתגלה גע־ווארן „וידעו מצרים כי אני ה'", ס'האט באוויזן אז דאס קומט פון (שם) הוי'.

(משיחות ש"פ וארא וש"פ בשלח תשמ"א)

צפרדע ההיזק שלהם כמו בשאר המכות שמובן או גם מפורש בהכתובים הפורעניות שבהם. ב) עכ"פ אי"ז טבע ותכונת הצפרדע (לדעת הראב"ע הנ"ל הערה 18) כבשאר המכות, כ"א ענין (ונס?) מיוחד.

51) שמו"ר פ"י, ב. פסחים נג, א.



# וארא ג

א. די קביעות[1] הפטורה פון א סד־רה[2] איז „מענין הפרשה". וע"פ הידוע[3] אז בתחילה איז קריאת ההפטורה נת־תקן געווארן אנשטאט דער קריאת הפרשה[4] פון דעם שבת, איז פארשטאנ־דיק, אז די הפטורה דארף זיין „מענין הפרשה".

דארף מען פארשטיין אין דער הפ־טורה פון דער היינטיקער סדרה — וארא: די הפטורה[5] איז כוללת צוויי ענינים[6] (נבואות צו יחזקאל):

א) די נבואה „על פרעה מלך מצרים . . ועל מצרים כולה"[7] — אז דער אויבערשטער וועט חרב מאכן ארץ מצרים (ביז אז אפילו נאך דעם ווי „ושבתי את שבות מצרים" וועט זי זיין א „ממלכה שפלה"[8]), און דורך דעם — „וידעו כל יושבי מצרים כי אני ה'"[9].

ב) די נבואה וועגן נבוכדראצר מלך בבל[10], אז דערפאר וואס ער האט לוכד געווען צור וועט אים דער אויבער־שטער געבן „שכר פעולה"[11] — „את ארץ מצרים ונשא המונה גו'"[12].

איז ניט גלאטיק: בשלמא די ערשטע נבואה איז „מענין הפרשה" — אין פ' וארא רעדט זיך וועגן די מכות וואס דער אויבערשטער האט געבראכט אויף מצרים, וואס דורך דעם „וידעו מצרים כי אני ה'"[13]; אבער די צווייטע נבואה[14], איז דאך תוכנה אז מ'וועט געבן שכר צו נבוכדראצר פאר לוכד זיין צור[15]?

ואע"פ אז זיין שכר איז געווען (כנ"ל) וואס מ'האט אים אפגעגעבן ארץ מצרים — איז (א) דאס איז נאר א פרט און אן ענין טפל (ב) נאכמער, נתינת מצרים בידו איז ניט „מענין הפרשה", ווארום אין דער פרשה ווערט ניט גערעדט וועגן אפגעבן מצרים לאחרים.

1) טושו"ע (ודאדה"ז) או"ח ר"ס רפד. טור ורמ"א שם סתכ"ח (ס"ח).

2) מבראשית עד שבעה עשר בתמוז (טור (ועד"ז בשו"ע ורמ"א) סתכ"ח שם). וראה לקו"ש ח"ט (ע' 61) שי"ל שגם ההפטורות מי"ז תמוז ואילך שייכות (גם) להפרשה.

3) אבודרהם (שחרית של שבת). לבוש, ב"ח, ט"ז ושו"ע אדה"ז או"ח ר"ס רפד.

4) שלכן אין פוחתין מכ"א פסוקים, כנגד ז' שקראו בתורה (אא"כ סליק ענינא בבציר מהכי) — טושו"ע (ודאדה"ז) שם ר"ס רפד.

5) יחזקאל כח, כה ואילך.

6) לאחרי ההקדמה (שם, כה־כו) שבית ישראל ישבו על אדמתם „לבטח בעשותי שפטים בכל השאטים אותם גו'" — „מענין הפרשה" דפ' וארא ע"ד המכות ו„שפטים גדולים" (פרשתנו ז, ד) שהביא הקב"ה על מצרים; ומסיים* (שם כט, כא) „ולך אתן פתחון פה בתוכם וידעו כי אני ה'" — „מענין הפרשה" שע"י המכות ראו שדברי משה נתקיימו וידעו כי אני ה'. וראה רש"י פרשתנו ז, ג.

7) יחזקאל כט, ב ואילך.

*) גם להאבודרהם (שהובא לקמן הערה 15) שאין אומרים הנבואה ע"ד נבוכדראצר.

8) שם, יד.

9) שם, ו. ט. טז.

10) שם, יז ואילך.

11) לשון רש"י שם, כ.

12) שם, יט.

13) פרשתנו ז, ה.

14) שהיא נבואה אחרת, ובזמן אחר.

15) ובאבודרהם (סדר הפרשיות וההפטרות) שאומרים רק עד „וידעו כי אני ה'" (יחזקאל שם, טז) — סיום נבואה הא' (אלא שמסיים בפסוק (שם, כא) ביום ההוא אצמיח גו').